

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת ואתחנן

# א חשובער גאסט ביי אונז

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

פרשת ואתחנן

# א חשובער גאסט ביי אונז

"טאטי! מאמי!" האט שימי אריינגעשטורעמט אין הויז איבעראשט, "קען איך גיין צו ארי האלצבערג'ס הויז היינט נאכט? יאאא, איך וויל!! ביטע, לאז מיך גיין!!!"

"שימי, קודם א גוטן טאג! און דו געדענקסט אז דו האסט פארשפראכן אז דו וועסט צאמנעמען די 1,000 פאזל שטיקלעך וואס דו האסט צעווארפן איבער'ן גאנצן צימער?" האט אים די מאמע דערמאנט, "ס'טוט זיך דארט א געפערליכע איבערקערעניש - איך האב מיך שיער נישט אויסגעגליטש אויף דעם ווען איך האב געוואלט אוועקפאקן דיינע ריינע וועש אין דיין צימער."

"אבער כ'האב געזאגט בלי נדר!

איך מוז גיין צו ארי האלצבערג ביינאכט! זיי מאכן א גרויסארטיגע טיי-אווענט פאר מוסדות הורקי און דער סענאטאר אליין וועט קומען צו דער מסיבה. קענסט זיך פארשטעלן? אן עכטע, לעבעדיגע סענאטאר פון וואשינגטאן די. סי. אה, און איך האב פארגעסן, וואס טוט מען זיך אן? שבת'דיג? טאטי, אפשר קענסטו מיר בארגן דיין נייע ווייסע העמד? ס'וועט זיין אביסל גרויס, כוועל ארויפבייגן די ארבל. כ'קען נישט גיין מיט מיין אלטע העמד. הממ.. כמיין אז מען דארף מיר קויפן א נייע הויזן און וועסטל לכבוד די געשעעניש.."

"שימי? ווי קענסטו טון אדער טראכן פון סיי וואס ווען מאמי האט דיר עפעס געהייסן?" האט דער טאטע אים אויסגע'מוסר'ט. "איך וויל דיך אויסהערן אבער קודם מוזטו פאלגן. וואס האט מאמי דיר יעצט געהייסן טון?"

שימי האט נאך געהאט א גאנצע דרשה צו זאגן איבער די גרויסקייט פון דעם טאג וואס דער הויכגעשעצטער סענאטאר וועט ערשיינען אבער דער טאטע האט געמאכט זיכער אז ער הייבט קודם אן צו צאמפאקן די פאזל.

'איך בין זיכער אז דער אויבערשטער וויל אז איך זאל יעצט מקיים זיין די מצוה פון הכרת הטוב צו דער סענאטאר.' האט שימי געקלערט צו זיך, 'ער טוט דאך אזויפול טובות פאר די אידישע קאמוניטי. איך מיין אז ס'איז א גרעסערע מצוה צו גיין צום מסיבה ווי קריכן אויף אלע פיר צו צאמנעמען פיצי קליינע פאזל שטיקלעך,' האט שימי געמאכט זיינע פאלטשע חשבונות.

דער טאטע האט דערקענט שימי׳ס מחשבות און זיך אנגערופן, ״וואס וואלט געווען ווען איך זאג דיר אז היינט נאכט וועט פארקומען א גרעסערע מסיבה, מיט א גאסט וואס איז מער חשוב ווי דער הויכגעשעצטער סענאטאר?״

שימי׳ס אויגן האבן זיך ברייט צעעפנט. ״מער חשוב ווי דער סענאטאר אליין? ווער קען דאס זיין? אפשר דער פרעזידענט פון גאנצן לאנד??? אוהא - וואס פארא זכי׳ איז דאס! זיכער וויל איך גיין דארט ענדערש ווי צו די האלצבערג׳ס וואס וועלן האבן נאר דעם סענאטאר. א נייע הויזן און וועסטל וועט נישט זיין גענוג, כ׳מיין מ׳דארף אויך צוקויפן נייע שיך!!! וואו דארף מען גיין?!״

״מען דארף נישט גיין אין ערגעץ,״ האט דער טאטע קלאר געמאכט, ״דער גאסט וועט קומען דא צו אונזער שטוב!״

שימי האט אנגעהויבן צו טאנצן איבער די בעטן מיט שמחה, ״דער פרעזידענט גייט קומען צו אנזער הויז, מען דארף קויפן נייע מעבל, איבערקאלעכן די ווענט און אויך איבערמאכן די טיר וואו מען קומט אריין...״



״בארואיג זיך, שימי, האב נישט מורא, דער פרעזידענט קומט נישט...״

״איז ווער יא,״ איז שוין שימי געווארן אנגעצויגן, ״ווער וועט זיין אונזער גאסט?״ האט שוין שימי נישט געקענטווארטן צו הערן.

״טאטי און מאמי!״

אן אומזעעבארע באמבע איז געפאלן אין פארענט פון שימי, ״דו און מאמי וועלן קומען?!״ האט שימי איבערגעפרעגט צו מאכן זיכער אז ער האט גוט געהערט.

"יא, פונקט אזוי," האט דער טאטע צוגעשטימט. "דו ווייסט אז אין די וואכעדיגע סדרה האבן מיר א מצוה פון כיבוד אב ואם. די מצוה פון מכבד זיין די עלטערן איז אזוי חשוב אז השי"ת האט דאס געלייגט אין די עשרת הדברות! און יא, מיר דארפן טאקע ארויסווייזן הכרת הטוב פאר דער רעגירונג. זיי ערלויבן אונז צו וואוינען אין זייער לאנד און לאזן אונז היטן תורה ומצוות פריי, אבער דו ווייסט? א מענטש דארף האבן מער הכרת הטוב צו זיינע אייגענע עלטערן, ווייל זיי האבן אים געברענגט אויף דער וועלט.

ווילסט הערן וואס דער חיי אדם ברענגט? ער זאגט אז א מענטש דארף האלטן זיינע עלטערן אלס גדולי הארץ, ווי די חשובסטע מענטשן פון לאנד. די אלע כבוד וואס ער וואלט וועלן אפגעגעבן פאר די גאווערמענט אינסטאנטן, זאל ער אפגעבן פאר זיינע עלטערן און נאך אסאך אסאך מער פון דעם.

שימי האט זיך פארקלערט, "אוהא, איך האב קיינמאל נישט אריינגעקלערט אין דעם. דו ווייסט וואס? יעדעס מאל וואס טאטי און מאמי וועלן אריינקומען אין שטוב וועלן מיר זיך אויפשטעלן מיט די שענסטע יום טוב'דיגע קליידער. כ'מיין אז מען דארף קויפן נייע מלבושים פאר דעם צוועק," איז שוין שימי געווארן אנגעצינדן.

די מאמע האט זיך אונטערגעשמייכלט, "כ'ווייס נישט ווי גרינג דו וועסט לויפן זיך איבערטון יעדעס מאל מיר קומען אריין אין הויז. איך פריי מיך ווען דו טוסט זיך אן פאר שבת געגוג באצייטענס צום זמן (די מאמע האט אים נישט געוואלט דערמאנען וויפיל מאל זי דארף אים הייסן זיך מאכן גרייט פאר שבת...)

איך האב פאר דיר א גרינגערע ארבעט ווי דעם - די שבת קליידער וועט מען לאזן זויבער לכבוד שבת און דו וועסט טון עפעס זייער חשוב. יעדעס מאל ווען טאטי און מאמי קומען אריינקומען אין הויז וועסטו ---"

"וואס?? וואס??" איז שוין שימי זייער נייגעריג.

"דו וועסט זיך אויפשטעלן מיט דרך ארץ! און יעצט וועסטו פלייסיג צאמנעמען אלע פאזל שטיקלעך!"

"יא זיכער מאמי, איך לויף..." און שימי איז געקראכן אויף דער ערד מיט גרויס פלייס צו צאמנעמען די גאצע פאזל.

"איך טו א מצוה וואס איז מער חשוב ווי מכבד זיין דער סענאטאר, " האט ער זיך אונטערגעזינגען.

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**